בעזהי"ת

# מדריך לכשרות

כולל ידיעות, דיונים ובירורים בעניני כשרות

**חודש כסלו־טבת ה'תשל"ח**

**קונטרס כ"ב שנה ד'**

---

**יוצא לאור ע"י**

## וועד הכשרות

ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות

**באמצעים של בירור, חקירה ודרישה.**
**התיעצות, הודעה, והצעה**

# התוכן

דבר המערכת.
המזון בהלכה. תשובות בענין שחיטה.
שימו לב. דיון בענין חלב ישראל, ענף א.
שמע בני. די פאַך פון השגחה.

**מדריך לכשרות — ירחון המקיף ענייני כשרות**
יו״ל ע״י וועד הכשרות, ברוקלין יצ״ו — ארגון מוקדש
לתיקון מצב הכשרות בהשתתפות רבנים ולומדי תורה שליט״א
נתיסדה בפיקוח הרה״ג המפורסם מוהר״ר משה שטערן שליט״א
גאב״ד דקהל יסודי התורה (מלפנים אב״ד דעברעצין)

די פעסטשטעלונגען און באריכטען
זענען געווידמעט נאר צו די שטענדיגע ליינערס.

דפוס אופסט „מוריה״
MORIAH OFFSET CO.
160 JOHN STREET
Brooklyn, N. Y. 11201
(212) 852-4141

# ד ב ר   ה מ ע ר כ ת

מיר ווען פראבירן צו ענטפערן אויף די פאלגענדע פראַגע וועלכע ווערט ארויסגעברענגט כמעט אין אלע בריוֿוען: פארוואס ווערט נישט געדרוקט דער מדריך רעגעלמעסיג, יעדע צוויי חדשים?

דער ענטפער בקיצור:

1) דער מדריך האט נישט קיין באצאָלטע שטאַב פון עורכים, מגיהים, שרייבערס וכו׳. עס איז אויך נישט פארהאנען מענטשן וועלכע גיבען זיך אָפּ מיט די ארבייט א גאנצע צייט („פול טיים״).

די ארבייט ווערט געטאן דורך מענטשען וועלכע נאך א טאג פון זייער אייגענע ארבייט אין אָפיס, געשעפט, ביי די מאשין, אין כולל, אדער ביי מלמדות, זענען מנדב זייער אנדערע צייט (ביינאכט, נאך זייער שיעור) צו ארבייטן לטובת הכלל.

2) די ארבייטער ארבייטן נישט צוזאמען אויף איין אָרט, במילא נעמט אסאך צייט ביז ווען עס קומט ארויס א באריכט בשלימות.

3) דער מדריך איז נישט קיין צייטונג. עס איז נישט געבונדן צו א צייט, עס איז געבונדן צו דעם ענין. דער תכלית איז נישט אַבי צו דרוקען א מדריך. ווען עס זענען פארהאנען וויכטיגע ענינים מודיע צו זיין, און די צייט איז רייף דערצו, דרוקט מען א מדריך.

4) קיינער האט נישט קיין שאָדן וועגן די אומרעגלמעסיקייט פון מדריך. די אבאנענטען צאָלונג לויפט נישט אָפּ נאך א יאר. עס איז גוט אויף זעקס מדריכים, באיזה זמן שיהי׳.

מיר שטרעבן שטענדיג צו פארברייטערן און פארבעסרן אונזער ארבייט. דאס קען נאר ערמעגליכט ווערן, בעזר השם, דורך אייער געדולד און הילף.

בתודה ובכבוד רב,

**ה מ ע ר כ ת**

# המזון בהלכה

. . . אחרי שנתעוררו רבים בענין השחיטה שבארצה״ב, ראיתי שנכונים הדברים ומצות לתקן. אחרי שבקרתי בבתי מטבחים שונים וביניהם גם מאלו ששוחטים שם עבור: קהלת עדת ישורן, ליובאוויטש, וויינשטאק־מיעל־מאַרט והנקראת צעהלימער שחיטה — ראיתי שישנה נקודה נחוצה למאוד שאין איש שם על לב, ולא שמעתי ערעור בנידון זה.

ישנו חשש שהסירכות מתנתקים עוד קודם הבדיקה. תהליך הבדיקה „בפען״ (ארגז מהודק בעלעקטריק ששם עומדת הבהמה בשעת השחיטה ונתפסת במאשין שלא יתנענע בעת השחיטה) הוא שאחר השחיטה נתפסת הבהמה בשתי רגלי׳ ובכח החזק של הזרם האלעקטרי נמשכת כעשרה אמות למעלה ונשארת תלוי׳ למעלה, בשעת ההמשכה מתנענעת הבהמה לצדדים, כמו כדור.

הרי מבואר בפוסקים שהבדיקה צריכה להיות בעודה שוכבת על הארץ, כי ע״י נענוע והמשכה קודם הבדיקה מנתקים הסירכות. הפוסקים מזכירים איסורם בבני אדם המושכים, אף שאין כוחם חזק כ״כ לנענע הבהמה, ומכ״ש בנידן דידן שהמאשין יותר חזק מכחם של מאה אנשים בודאי לא נתברר להיתר עם הבדיקה שאחרי כן, שאפשר שנעתק הסירכה.

. . . עי׳ פרי תבואה לבעל בית אפרים זצ״ל סי׳ ל״ט אות קכ״ה . . . עי׳ דמשק אליעזר בחולין דף צ״ט ע״א אודות קהלת פינסק, רדב״ז ח״ב סי׳ תש״ה, פר״ח סי׳ ל״ט ס״ק ה׳, זבחי צדק סי׳ ל״ט אות כ״ח, כף החיים סי׳ לט ס״ק ל״ב לבושי מרדכי, חו״מ סי׳ ט׳.

כבר הצעתי שאלה זו אל גדולי הוראה שבזמנינו, רובם לא פסיקא לי׳ מילתא דידן בדבר מבורר. הרבה אסרו, ויש שהניחו בספק, וישנם גם מקילים בדבר.

בבקשה להעתיק שתי תשובות שרצוני לפרסם. בתשובה אחת בולט בפירוש להתיר ובתשובה שני׳ במיוחד לאיסור.

**שמואל שווארצמאן**

ב"ה.

כ' הוו"ח וי"א מוהר"ר וכו' שמוא' שווארצמן יחי'

שלו' וברכה!

במענה על מכתבך, שבו אתה כותב . . . שלפי דעתך יש בזה חשש טריפות ח"ו, ובנית יסודך על ספר פרי תבואה מהגאון המפורסם רא"ז מרגליות זצ"ל, ע"כ כשראית בבית המטבחיים שתולין הבהמה תיכף אחר שחיטה ע"י מאשין הנהוג עתה בפה, נהיית מרעיד דהלא הוא ספק טריפה ח"ו שמא הי' שם סירכות וניתקו ע"י הנענוע, אשאלך ומדוע לא חששת על הבשר שנשחטו בפה טרם הי' המאשין, הלא פה בכל המטבחיים שוחטים הבהמה כשהיא תלוי', ובאמת בכל ערי רוסיא הגדולים ששוחטים שם שחיטה מושכבת על הארץ, אבל אין קושרים שם הרגלים, הבהמה מפרכסת שם מאד עד אשר נשמטת מזוית זו לזוית אחרת, האם כל קדושי ארץ הגאונים והצדיקים מדור שלפנינו נ"ע האם אכלו בשר שיש עליהם איזה חשש טריפה?

אבל באמת כי דייקת שפיר לשון הפר"ת ובפרט במקודו מספר דמשק אליעזר תראה שלא זו הדרך כמו שאתה מבין שאסרו משום שהקצבים בעת משיכת הבהמה למעלה „הי' מנענעים הראי' ומנתקים הסירכות" ומשו"ה אסרו למשוך הבהמה ולתלות אותה, וביאר בספר זכור לאברהם שלכאורה אם החשש שהקצבים מנענעים, הלא אפי' כשהבהמה מושכבת יכולים ג"כ לנענע ולנתק הסידכות, ומבאר כשהבהמה תלוי' אז אינו יכול הבודק לעשות בדיקת פנים עד אשר יסירו מהבהמה הכרס ובני מעיים והושט, אז בנקל להושיט היד דדך בית השחיטה ולאחוז הקנה ולנענע בחוזק ואז באמת יוכל להנתק הסירכות, וגם כשהיא תלוי' אז בית השחיטה מפורעת ומרווחת ויכול בקל הקצב להושיט ידו דדך בית השחיטה אפי' עד הראי' ולנתק הסירכות אבל כשהיא מושכבת אינו יכול להושיט ידו כמובן והחוש מסייעו, ומעתה מובן ג"כ תשו' הרדב"ז, כי הוא סובר אפי' ניח שהטבח הושיט ידו ואחז בהקנה ונענע אינו מוציא מחזקת כשרות הבהמה וכו'. ומעתה מובן שבניד"ד אין מקום להחשש הזה כי הקצב אינו בנמצא אפי' קרוב לבית המטבחיים והבהמה אינה שלו והוא קונה בשר כשר ולא הבהמה . . .

ובזה אסיים ואומר שלו' תקבל החוה"ש מאדה"ש,

כברכת ידידו הדו"ש

**זלמן שמעון דווארקין**

עש"ק בהעלותך תשל"ז לפ"ק.

אחדשה"ט וש"ת באהבה, יקרתו גם השני קבלתי, ואני תמה לכ' שלא קבל תשובה ואני השבתי במועדו בקצור. ודעתי העני' שבנדון שהציע מעל' יש נענוע גדול עד כדי חשש של נתוק הסירכות כיון שכ' כ' שהבהמה פורחת כמו כדור, ומי בקי בנענוע להכריע שכזאת אינו בספק נתוק הסירכות וככר כתב בפרי

תבואה סי' ל"ט ס' קנ"ה שאין לבדוק רק בעודה שוכבת על הארץ, ובנ"ד גם אם יבדקו בעודה שוכבת מה מועיל זה כיון שפעולת הנענוע שלפני זה עשתה את שלה, ובענין הנענוע שלפני הבדיקה שהוזכרה בדברי הגאונים מסקנת הפוסקים חי' ל"ט סו"ס יו"ד שאין אנו בקיאין, אע"פ שעושה בשימת לב ע"מ לבדוק כהלכה, מכ"ש בנ"ד, וע"ש בטו"ז ס"ק ט"ו כ' בשם מהרש"ל דאפי' להמתידין נענוע צריך לחתוך הכבד קודם, והיינו כמש"כ בד"ת שם ס"ק שנ"ח כי כבדת הכבד יכולה להשפיע על נתוק שלא כדין, ומכ"ש בנ"ד, ע"כ. . .

והואיל הדברים פשוטים אין מקבלים אריכות.

הריני דוש"ת בידידות מצפה לרחמי ה'

**שמואל הלוי ואזנר**

**שמואל הלוי ואזנר**
אב"ד ור"מ
זכרון מאיר, בני-ברק

ב"ה. יום ...

[illegible]

# מדריך לכשרות

RABBI Z. DWORKIN
760 Eastern Parkway
Brooklyn, New York 11213
PResident 8-5030

הרב זלמן שמעון דווארקין

כ' הוו"ח אי"א מוהר"ר ר' שמואל שווארצמן
שי'

שלו' וברכה!

ראיתי על מכתבך, שהנו חושב כשאלה שלך מנוכח על אשר מלבד הכשר עוד
טלפי מעתה יש לצה חשש טריפות ח"ו, ורצית יוסיף על
ספר פרי תבואה והזמן הנערך הוא ורצויות צ"ב. ע"כ נראית דרית
המשגיחים שמתן הדבור תכל אחת שחיטה ע"י ממין הרבים אתה דפה,
נקיות ורציו בדבר הוא ינק טריפה ח"ו שום הי' שם סירכות וניתקו ע"י התינוק,
מאולף ומדוע לא תשכח על הכשר שנשחטו קנה טרם הי' הנאמן
כל המשגיחים שוחטים הדבור נשחט תלוי, ורואת בכל עת, הלא פה
שוחטים שם שחיטה ומשגיח על האוף, אבל אין קושרים שם העלים, יוסים הגבול,
ינקרות שם ומה עד אשר נשאר וצמר נו לצית יותם. האם כל קדוש, הדבור
הנאמנים והצדיקים ודור שלפנינו נע הלא מתן דבר שיש עליהם חשש טריפה
אבל ראות כי בדינת שנהר לשון הפוסקים ודבריהם ראיתי ניכר מוסף אליעזר תשאה
שלא זו הדרך כמו שאתה ודין שאסרו ושום שכשהדבור תלוי אצל:
שמעו ומתקיים הסירכות רק ושום שהקצבים רצו הושיבת הדבור לפני
הי' ומאנו הראה. ומתקיים הסירכות ומשה יסרו לחשש הדבור ולתלות אותה
ורבים דפים נכנס לחדרים, שלפני את החשש שהקצבים ישנים, הלא אפי'
כשהדבור משגיח. על מ"כ לעשו ולנתק הסירכות, ומכאר כשהדבור תלוי
אך אינו יכול הדובק לעשות דבוקות פנים עד אשר יסירו מהדבור הנרם ורב
עיו והושט, אין דבק להושט הו"ר דרך בית השחיטה ולאחוז הקנה ולעשו דחוק
ואך ראות יכול להמשך הסירכות. וגם כשהיא תלוי אל בית השחיטה ופירות ורוחות
ויכל רק הקצב להושיט ידו דרך בית השחיטה אפי' עד הריאה ולנתק הסירכות
אבל כשהיא משגיח אינו יכול להושיט ידו מכן יהחוש ובינו.
ומשנה ומכן גבל תשו' הדרך. כי הוא סודר אני לנח שהכלים הושט
ידו ומחזק דהקנה ומשו אינו מגיע ומזקת נשרות הדבור ושו
ומינה ומכן שדגים אין יקום להחשש הזה כי הקצב אינו
רגיל אני קרוב לבית המשגיחים והדבור אותו אינו שלו והוא
קונה בשר כשר ולא הדבור. ע"כ תוכל לקנות בשר בלא כשר
והשוחטים היראים ושלום ואין לצה שום חשש ח"ו ומאלו עניינים שנזו
לפ לזו יכר היתה בבית המשגיחים ששם שוחטים שו"ב לזו דאוושא
וקהלה ערוצת הרושם ורואים התלוים והשחיטה, ודבוקות פנים.
ודרכו חוץ הכל יתנהל עפ"י הוראות כל שום ספק
וכבה מכבוד ומוקיר שלו' מבקש המוהש"ב כרגע ומבקש
יפרי' הדרש
זלמן שמעון דווארקין

## שימו לב

# מילך פראדוקטען

### — ענף א —

באמת פאָדערט זיך בכלל נישט קיין באהאנדלונג וואס מילך איז און פון וואו עס קומט. דער צוועק פון די ארטיקלען איז נאר צו פארברייטערן דעם שמועס וועגען דעם ענין, ווייל עס זענען פאראנען אינפאָרמאַציעס וועלכע זענען אינטערעסאנט און עס באַרירט אויך צו כשרות.

**בכללות**

זייער אסאך פארשידענע בהמות און חיות גיבען מילך. אסאך פון די בהמות און חיות וועלכע גיבען מילך זענען נישט כשר, און עפ״י הלכה איז די מילך וועלכע קומט פון אזא בהמה נישט כשר (איסור דאורייתא).

די מילך וועלכע ווערט פארקויפט פאר פאברויכערס אין אמעריקע קומט פון קוהען. לויט דעם אָפיציעלען געזעץ אין לאַנד טאָר נישט פארקויפט ווערען קיין מילך וועלכע קומט נישט פון קיין קוה.

די מילך ווערט פארקויפט אין צוואַנציג פארשידענע פאָרמאַליטעטן. צ.ב.ש. מיט פעטענס, פארשידענע פראָצענט פון פעטנס, מיט וואַסער, אָן וואסער, מיט וויטעמינס, מילך־שטויב, קולטיווירט, מיט שאָקאָלאַד, א.א.וו.

אין אנדערע טיילן פון דער וועלט ניצט מען מילך פון אנדערע בהמות וחיות, צ.ב.ש. (Reindeer) ריינדיר־מילך אין אלאסקע, יאַק־מילך (Yak) אין אסיע, קעמעל־מילך אין אפריקע, שאָף־מילך אין שפאניע, בופעל אָקס־מילך אין מצרים, לאמע־מילך אין פערא, פערד־מילך אין רוסלאַנד. אויך ווערט גענוצט זעברא־מילך (Zebra) און אייזל־מילך.

**חלב עכו״ם**

די חז״ל האבן גוזר געווען אז מילך וואס א גוי מעלקט טאָר מען נישט טרינקען, נאר אויב א איד איז געשטאנען ביים מעלקען און געזעהן ווי די מילך קומט פון א כשר׳ע בהמה. ער דארף אויך זיכער זיין אז עס איז נישט געווען קיין אנדערע מילך אין די כלי בעפאָר מען האט אָנגעפאַנגען צו מעלקען; אזא סאַרט מילך ווערט אנגערופן חלב ישראל. מילך וועלכע איז געמאָלקען געווארן דורך א גוי און א איד איז נישט דארט געשטאנען האט אויף זיך די גזירה פון חלב עכו״ם, אפילו עס קומט באמת פון א כשר׳ע בהמה.

במשך התקופות פון די גדולים, זכרון צדיקים לברכה, האבען א טייל מתיר געווען צו נוצען מילך פון א פלאַץ וואו עס איז נישט פאראנען קיין

בהמה אדער חי׳ טמאה (אין דבר טמא בעדר), אפילו אויב א איד איז נישט געשטאנען ביים מעלקען.

רוב גדולים ז״ל אויף וועלכע די יהדות החרדית זענען זיך סומך, היינט צו טאָג, ווי צ.ב.ש. חתם סופר, גר״א, צמח צדק וכו׳, אסר׳ן די מילך אויב עס איז נישט געשטאנען דערביי א איד ביים מעלקען, כאטש עס איז נישט געוועז א דבר טמא בעדר. דער טעם איז ווייל די גזירה איז א דבר שבמנין וועלכע א שפעטערדיגער בי״ד קען נישט מבטל זיין אפילו עס איז נישט פארהאנען דער טעם פון גזירה דערביי.

אין אלע דורות פון די תקנת חז״ל ביז צום אמעריקאנער גלות האט מען זיך געהאלטן ביי די גזירה און עס האט נישט עולה געווען קיין דעה מתיר צו זיין אויב עס איז פארהאנען א דבר טמא בעדר.

**חלב־קאָמפּאַני**

ווי פריער דערמאנט ערלויבט נישט די אמעריקאנער רעגירונג צו פארקויפן נאר מילך פון קוען. די מילך אינדוסטרי האט אויף זיך א רעגירונגס־קאנטראל וועלכע אינספעקטירט די פאַרמס צו מאכען זיכער אז דער געזעץ ווערט אויסגעפירט.

דער סאָרט קאנטראל האט געשאַפן, צום ערשטן מאָל במשך דורות, א נייעם צד של היתר אויף חלב עכו״ם.

טייל מורי הוראות שליט״א האבען מחדש געווען אז די רעגירונגס־קאנטראל איז גענוג אראָפצונעמען די גזירה פון חלב עכו״ם, אפילו אויב עס איז פארהאנען א דבר טמא בעדר. דער היתר איז אויסגעארבייט געווארן צוליב דעם שעת הדחק וועלכע האט דעמאלט געהערשט אין אמעריקע. עס איז נישט געווען צו באקומען חלב ישראל אין געשעפטן, מען האט געמוזט גיין אין פאַרם צו באקומען חלב ישראל.

אין א גרויסען טייל פון פאַרמס אין אמעריקע מעלקט מען אויך היינט חזירים. דאס איז ריכטיג אפילו ביי די פאַרמס וואו מען מעלקט פאר חלב ישראל געברויכען. די טמא׳נע מילך טאָר נישט פארקויפט ווערן פאר קאָמערשל געברויכערס.

עס איז ענטשטאנען פיל טענות געגן דעם היתר צוליב פארשידענע טעמים. צ.ב.ש. אז די קאנטראל האט נישט קיין ווערט, אויב מען טרעפט אז מען האט גענוצט אנדערע מילך שטראָפט מען נאר מיט א מינימאַלע געלט־שטראָף א.א.וו.

די הויפט־התנגדות פון די גדולים געגען דעם היתר איז, ווי אויבן דערמאנט, אז די גזירת חז״ל וועגען חלב שחלבו עכו״ם ואין ישראל רואהו שאַפט אן איסור אפילו ווען דער טעם פון די גזירה ווערט בטל (מאיזה טעם

שיהי׳). עס איז אזא סאָרט תקנה אויף וועלכע מען דארף האבען א בית־דין גרעסער בחכמה ובמנין (ווי די וועלכע האבן דאס מתקן געווען) כדי צו קענען אראָפנעמען די גזירה פון חלב עכו״ם.

ווי אויבן דערמאנט, האבן די פוסקים, אויף וועלכע דער ציבור איז זיך סומך, גע׳אסר׳ט די מילך אפילו ווען עס איז נישט דאָ א דבר טמא בעדר, ובמילא לויט די אלע גדולים האט אויך א חלב־קאמפאני דעם דין פון חלב עכו״ם [און פארשטענדליך אז מען דארף כשר׳ן די כלים פון חלב עכו״ם כדי צו קענען נוצען אויף אנדערע געברויכען. צ.ב.ש. די וועלכע קאָכען אויף „סימילאַק״ אין א כלי דארפן עס דערנאך כשר׳ן].

דער טייל ציבור וועלכער פארלאזט זיך אויף די מתירים, ווייסען נישט אז אפילו דער „היתר״ איז אויך נאר אויף „בשעת הדחק״ ווען עס איז נישט דאָ קיין חלב ישראל (זעה בריוועו פון הגר״מ פיינשטיין שליט״א, איבערגעדרוקט אין דעם מדריך. נאך מער, זיי פארשטייען נישט אויף וואס דער היתר איז געבויט. מען האט נאר מתיר געווען די מילך פון קאמפאניס אין אמעריקע פאר פריוואַטע געברויכערס. דער איסור פון חלב עכו״ם שטייט נאך בתקפו אויף מילך דירעקט פון פאַרם אדער מילך אין דער גאנצער וועלט אפילו פון קאמפאניס.

---

**בע״ה.**

**הנה בדבר החלב שזה הרבה שנים שיראי השי״ת אשר בטאראנטא נזדרזו בהסכם הרבנים וכל החרדים למצות התורה ותקנות חז״ל וראו שיהיה קאמפאניא לחלב שנחלב ע״פ השגחת ישראל וכן כל הדברים הנעשים מחלב כגבינה וחמאה וקרים מחלב זה ע״פ השגחת ישראל, ועתה נתרשל הדבר מצד שעולה ביוקר מעט והרבה לוקחים חלב מסתם קאמפאניעס אף מאלו שלקחו כל השנים מהחלב והגבינה וכל המינים מהחלב שתחת השגחה, איברא דאיכא טעמים להקל במרינה אשר מדיני המדינה אסור למכור חלב שיש בו עירוב חלב טמא הוא דק בשעת הרחק אף אם גם בטאראנטא איכא איסור מדיני המרינה, ולא בשביל יוקר מעט, ובפרט אלו שכבר נהגו הרבה שנים שלא לסמוך על הטעמים להקל אלא על השגחת ישראל כדין שעליהם יש איסור מדין נדר דהנהגה הרבה שנים, וגם על גבינות הא ליכא היתר ההוא ומצד שמקילין בחלב מקילין גם בגבינות. ולכן ודאי יש להזדרז בזה ביותר ולחזק ידי יראי השי״ת העוסקים בזה שיתקיים החלב שתחת השגחת ישראל בטאראנטא ויתרבו חרדים לדברי התורה שיקחו חלב זה וכל המינים מהחלב שתחת השגחה אשר ממילא גם יוזל המקח ולא יקשה הדבר לשום אדם. ובזכות הזהירות והזריזות ומצות השי״ת ותקנות חז״ל נזכה כולנו לגאולה השלימה אשר אנחנו מצפים ומקוים כל הימים. ובאתי על החתום בכ״ח תמוז שנת תשכ״ח**

**נאום משה פיינשטיין**

# מדריך לכשרות

ב׳ דר״ח תמוז תשט״ז

מע״כ ידידי הדב המוה״ג מהר״ר אברהם וויינפעלד שליט״א.

שלום וברכה כל הימים:

הנה בדבר חלב הקאמפאניעס שבמדינותינו ודאי יש טעמים להתיר לומר שאינם בכלל האיסור שאסרו חז״ל וכדחזינן שהרבה מקילין בזה מפני הדוחק, בהרבה מקומות. אבל במקום שאפשר להשיג — **אף שעולה בקצת טרחא יותר ואף ביוקר מעט — חלב ישראל, אין מן הראוי להקל בזה וצריכין להשיג חלב של ישראל.**

**והנני ידידו**

**משה פיינשטיין**

---

היות שבזמן האחרון נפרץ גם בין אנ״ש המדקדקים במצוות, שקונים תפילין ומזוזות מן הבא בידים, ומהמת חסרון ידיעה נכשלים לפעמים במצוות עשה דאורייתא, משום שאינם מדקדקים להזהר ממי נכתב. וביותר נפרץ הדבר בהבתים של תפילין הן בהבתים שנעשו בא״י והן בהבתים שנעשו בחו״ל, כי נמצא כמה שנעבדו ע״י אנשים יר״ש שנעשה בתחלה באופן שיש חשש בכשרותם. ע״כ ראינו לנכון להודיע לאנ״ש המדקדקים במצוות שיהי׳ בלי שום פקפוק ובפרט במצוות עשה דאורייתא שנוהג בכל יום ויום, שיזהרו עכ״פ בכל הדברים שאזכור להלן. והגם שא״א להעמיד הדת על תלה, מ״מ במה דאפשר צריכים להזהר.

א) שלא לקנות תו״מ רק מסופר מובהק שהוא יר״ש וכן לא יקנה בתים רק מאומן מומחה שהוא יר״ש ועושה הכל ע״פ הוראת מו״צ ודלא כההמון שדי להם שיהי׳ היימישער אין חסידישער איד אבל באמת צריך שיהי׳ נעשה הכל ע״פ הוראת מו״צ.

ב) שלא לדקדק במחירם רק ישלם כפי אשר יושת עלין כדי שיהי׳ כשרים ומהודרים אפי׳ למהדרין מן המהדרין.

ג) כשקונה בתים יזהר לראותן כשהם עדיין לבנים כדי שלא יהי׳ טוח או דבק במקום שמעכב לריבוע ולשלימות הבתים, וכדי שיהי׳ נראה החריץ בין בית לבית במקומם ממש, ודלא כמו שהרבה עושין שאחר שמשהירין את הבתים עושים חריץ שלא במקומם כדי שיהי׳ נאה ומהודר יותר.

ד) שכל הדברים שצריך להעשות יהא נעשה רק ע״י עבודת יד בלא שום מאשין.

ה) השי״ן של הבתים יהי׳ נעשה בידים ע״י צבת ולא ע״י דפוס כדי לצאת דעת המחמירין שסוברים שזהו נקרא חק תותכות.

וז״ל הקול סופרים (באגרת שב׳ לאחיו באות ט׳) וכאשר תסדר תפילין תמדוד מקודם רבוע הבתים **כי אין לסמוך על חזקת אומן כי עינינו רואות עד היכן מגיע חזקתן**, כי בתחלה היו עושין הסופרים גם הבתים משא״כ עתה. גם ישלחו לך הבתים לבינים למען תוכל לראות מה נשעה בהן אם אין בהם נקבים וכ״ש שלא יהי׳ מוטחים בטיחה עבה שיש בהם ממש עכ״ל. וכ״ז כתב בדור הקדום וכ״ש עכשיו שבודאי צריכים להזהר עכ״פ בכל הנ״ל.

**המעוררים**

## שמע בני

# די פאך פון השגחה

אזוי ווי אין אמעריקע איז די השגחה־פאַך געווארן א גרויס געשעפט [עס ווערט גערעכענט אלס א גוט פארדינענדיגע פאַך], דעריבער מוז באשריבן ווערן די קוואַליפיקאציעס פון א מכשיר, און די ארבייט וועלכע עס דארף אריין געלייגט ווערן כדי אויסצופירען די ארבייט בשלימות.

אַ מכשיר מוז זיין : 1) א ירא שמים, 2) א תלמיד־חכם, 3) באַהאַוועגט אין רויע מאטריאלען און פראצידורע, 4) האבן א פראקטישען צוגאַנג צו מעכאנישע און טעכנאלאגישע אנטוויקלונגען, 5) איבערגעגעבנקייט און בעל אחראי, 6) האבן א שטענדיגן קאנטראל, 7) שטארקער כאראקטער, 8) אומאָפהענגיק.

### ירא שמים

פארשטענדליך אז א מכשיר מוז זיין א ירא השם, כדי צו זיין פּאָרזיכטיג אין יעדן פרט פון פראדוקציע און האבן געדולד נאכצופאלגן און באקוקן דעם גאנצען סיסטעם און רויע מאטריאלן, פון וואו עס קומט, וואו עס גייט, וואס גייט אריין דערין, טוישונג מעגליכקייטן, וכדומה.

##ביישפיל פון פראבלעמען

1) עס זענען פארהאנען מכשירים וועלכע גיבען אן השגחה פאר קאמפאניס וועלכע ארבייטן שבת, כאטש די בעלי־בתים זענען אידען.

2) עס זענען פארהאנען מכשירים וועלכע גיבען השגחות אויף בעקעריס וועלכע נעמען נישט קיין חלה.

אויף די פראגע ווי קען מען געבן אזעלכע השגחות, ענטפערט מען : „די השגחה ווערט געגעבן אויף די אינהאלט, אז עס איז כשר. אבער די זייטיגע זאכען, ווי ארבייטן שבת, ר״ל, אדער נישט נעמען חלה, איז נישט זייער אויפגאבע״. עס אינטערעסירט זיי נישט. אזעלכע מכשירים קענען נישט אנגערופן ווערן יראי השם. כאטש זיי קענען זיין תלמידי חכמים און אויך באקאנט אין די שפייז־אינדוסטרי.

3) עס זענען אויך פארהאנען מכשירים וועלכע זוכען, אדער טרעפן, אן היתר אויף יעדער זאך אדער מאטריאל. אויב עס איז נאר פארהאנען אפילו איין שיטה וועלכע איז מקיל, איז טיילמאל שוין גענוג פאר אים. דער פראבלעם טרעפט זיך אָפט ביי תלמידי חכמים וועלכע זענען נישט קיין יראי הוראה.

4) עס זענען פארהאנען מכשירים וועלכע זענען תלמידי חכמים און אויך באקאנט אין שפייז־אינדוסטרי. זיי מאכען א קאנטראקט מיט די פירמא אז זיי טארען נישט טוישען די אינהאלט אָן מודיע זיין דעם מכשיר, אדער אן ענליכער קאנטראקט צו נוצען נאר די געוויסע אינהאלטען וכדומה. דער מכשיר פארלאזט זיך אויף דעם קאנטראקט, צוזאמען מיט די חזקה אז אן אומן פאַרדאַרבט נישט זיין געשעפט. דער גאנצער סמך פון השגחה איז דער קאנטראקט און מען באזוכט נישט די קאמפאני צו זעהן צי עס ווערט עפעס געענדערט. מיט די צייט, אז א קאמפאני זעהט אז עס איז נישט דאָ קיין כשרות־קאנטראל, פארשטייט זיך אז אויב עס איז מעגליך מאכט מען שינויים. ביי אזא סארט מכשיר פעלט די נקודה פון יראת השם.

5) אויך טרעפט מען מכשירים וועלכע פארלאזען זיך אויף די קאנטראל פון רעגירונג, ודי בזה.

### תלמיד חכם

דער מכשיר מוז זיין א תלמיד חכם צו וויסען וואס צו טאָן מיט א תערובת איסור און בעיקר ווי אזוי צו כשר'ן, הגעלה, ליבון, צי עס העלפט כשר'ן, צי מען דארף כשר'ן א.ד.ג.

ער דארף זיין באקאנט מיט די הלכות וועלכע זענען שייך ביי די פראדוקט אויף וועלכע ער גיט אן השגחה, צ.ב.ש. ביי ברויט : חלה נעמען, פת ישראל א.א.וו., ביי מילך : חלב עכו"ם. ביי פלייש : שחיטה, מליחה, ניקור א.א.וו.

### באהאוונט אין שפייז־אינדוסטרי

די קוואַליפיקאציע פון זיין באהאוונט אין שפייז־אינדוסטרי איז איינע פון די פונקטן וועלכע טייל פון המון פארשטייען נאך אלץ נישט.

אמאליגע צייטען איז גענוג געווען אז דער מכשיר איז געווען א תלמיד חכם וירא השם, און אביסעל באקאנט אין די פאבריק וואו ער האט געדארפט באזוכען. עס זענען נאך נישט געווען אזוי פיל קאמפליצירטע פראצידורען, אזוי פיל מישונגען און נייע ענטוויקלונגען.

היינט צו־טאג, מעג דער מכשיר זיין א גרויסער תלמיד־חכם וירא השם — איז דאס נישט גענוג. ווייל אויב ער ליגט נישט ראשו ורובו אין די שפייז־אינדוסטרי איז מעגליך אז ער ווייסט נישט פינקטליך וואס די פראגע קען זיין און ווי צו קוקען, און בעיקר ווייסט ער נישט ווען עס ווערט א שינוי אין געזעץ, אדער אין מאַרקעט־פרייזען וועלכע האבען א דירעקטע השפעה, וואס פאר א רויע מאטריאל מען וועט ניצען.

צ.ב.ש. : דער מכשיר מוז וויסען דעם אונטערשייד אין מארקעט־פרייזען אויף רויע מאטריאלן, ווייל פירמעס וועלכע נוצען שטענדיג נאר גרינצייג־אויל אדער גליצערין פון פעטראליום, טוישען זיי אויף פעטענס אדער

גליצערין פון בעל־חי — אויב די פרייז האט זיך געענדערט, אדער עס איז פארהאנען א מאַנגעל פון א מאטריאל, ווי צ.ב.ש. די לעצטע אויל־מאַנגעל אין לאַנד. דער מכשיר מוז וויסען דערפון און קאנטראלירן דעם מקור פון מאטריאל.

דער מכשיר מוז וויסען די רעגירונג־געזעצען, צ.ב.ש. דער געזעץ ערלויבט אויף צו נוצען לייבעלס כאטש מען האט שוין געענדערט דעם שפייז־אינהאַלט פון דעם וואס איז געדרוקט דערויף.

## צוגאנג צו טעכנאלאגיע

ער מוז וויסען דעם צאַמשטעל פון מאשינערי, פון וואו עס קומט די רערל, ווי צו לייענען א גיידזש (gauge) פון וואו קומט די וואַסער, ווי אזוי פאַנאַנדערצוועמען די מאשינען צום כשר׳ן א.ד.ג.

צ.ב.ש. ביי געוויסע מאשינען [וואו מען דארף כשר׳ן], קען מען נאר נוצען די זעלבע וואסער צוווארעמען די רערלעך וואו מען נוצט פאר די נישט כשר׳ע פראדוקטן. מען דארף זיין באקאנט ווי אזוי די מאשין ארבייט, וואס צו פרעגן, ווי צו קוקען א.א.וו.

אַ משגיח האט אונז איבערגעגעבן די פאָלגענדע מעשה: ער האט געגעבן אן השגחה אויף מצה עשירה וועלכע דארף זיין געמאכט עפ״י הלכה נאר מיט דזשוס אָן וואַסער. ווען ער איז געווען ביים מאכען די דזשוס האָט ער באמערקט אז מען עפענט אויף צוויי ווענטילן (Valves). נאך אלע חקירות איז מען געוואויר געווארן אז עס עפענט אויף די וואסער־לייטונג כדי עס זאל ווערען געמישט מיט דזשוס. אויב דער משגיח איז באקאנט מיט די מאשינען ווייסט ער פאָדזיכטיג זיין אז אינמיטן זאל מען נישט עפענען אנדערע עפענונגען, ער ווייסט ווי צו קוקען אויב עס ארבייט נאך עפעס אנדערש, א.ד.ג.

## איבערגעגעבנקייט

„השגחה״ איז א פאַך וועלכע פארלאנגט אסאך צייט. מען דארף עס מאכען פאר א קביעות׳דיגע ארבייט, נישט נאר א זייטיגע זאך. א ראש ישיבה אדער א פארנומענער רב וועלכער נימט אן השגחה נאר ארויסצוהעלפען זיין מצב הפרנסה איז נישט אלץ פאסענדיג צו די פאך. ער מוז זיך אויסלערנען אלע לשונות וועלכע ווערען געניצט אין שפייז־אינדוסטרי, אלע אינגרידיענטס, און מוז שטענדיג האבען א קאנטאקט מיט די אינדוסטרי צו וויסען וואס טוט זיך. א רב וועלכער קען נישט רעדן קיין ענגליש איז נישט געוואונטשען צו דעם פאך.

צום ביישפיל: אין א פאבריק מאכט מען פינף פראדוקטען. אין יעדער פראדוקט לייגט מען אריין בערך פינף ביז צעהן אינהאלטען. פון די אינהאלטען זענען פארהאנען דריי אדער פיער וועלכע זענען נישט נאַטירליך

און ווערן פראדוצירט אין אנדערע פאבריקען. אין די אנדערע פאבריקען וואו מען מאכט דעם אינהאלט מישט מען אריין פינף אנדערע רוי־מאטריאלען אין יעדען אינהאלט. די רויע מאטריאלען קומען פון פארשידענע פלעצער. יעצט שטעלט אייך פאָר וואס פאר א סאָרט ארבייט גייט אריין אין אונטערזוכען דעם פראדוקט. א פאַרט־טיים זשאָב (Part-Time Job) איז זיכער נישט גענוג דערפאר.

נאך דעם ווי עס ווערט שוין אלעס אונטערזוכט מוז מען זיין זיכער אז שפעטער ווערט נישט געטוישט דער אינהאַלט.

אין פאבריקען וואו מען ניצט נאר נאטירליכע רוי־מאטריאלען דארף מען (טייל מאל) מאכען זיכער אז עס זאל נישט זיין קיין בישול עכו״ם, און אזוי טרעפט זיך אין יעדען פראצירורע זאכען וועלכע מען דארף א שטענדיגען קאנטראל.

## קאָנטראָל

דער מכשיר דארף פלאנירען מיטלען ווי אזוי צו וויסען וואס גייט פאָר אין פאבריק, און האבען א קאנטראל אפילו ווען ער איז נישט דאָרט. ער דארף וויסען ווי אזוי ארויסצונעמען אינפאָרמאַציע פון רעכענונגס־בילס און וואהרע צעטלעך (Shipping Memos) א.ד.ג.

**די אויסצוג פון אונזערע רייד זענען, אז עס פאָדערט זיך א שטענדיגע ארבייט צו קענען אויספירען אן השגחה ווי עס דארף זיין. מען דארף ליגען אין דעם ראשו ורובו.**

## כאַראַקטער

א וויכטיגע קוואַליפיקאַציע וועלכע העלפט צו אז די השגחה זאל זיין כדבעי איז — א שטארקען כאראקטער.

א מענטש וועלכער לאָזט זיך נישט איינרעדען תירוצים אדער פאלשע אינפאָרמאציע; א מענטש וועלכער וואַרפט א פאָרכט אויף דעם פאבריקאנט. דער פאבריקאנט האט מורא צו טאן עפעס אָן דער ערלויבעניש פון מכשיר, ווייל ער ווייסט אז אויב דער מכשיר וועט געוואויר ווערן וועט ער אים נישט קענען מדחה זיין בקש.

## אומאָפּהענגיקייט

דער מכשיר זאל נישט זיין אפהענגיק אויף דעם בעל־הבית. דער מכשיר קען נישט שטראַשען אז ער נעמט אראָפּ די השגחה, אויב ער האט פרנסה פון דעם בעל־הבית. אפילו אויף א ירא השם איז די תורה מעיד „כי השוחד יעוור עיני **חכמים** ויסלף דברי **צדיקים**״, דער מענטש קען זיך נישט העלפן דערויף.

# מדריך לכשרות

**משגיח**

אויב דער מכשיר דינגט א משגיח מוז ער אויך האבען א טייל פון די קוואַליפיקאַציעס פון א מכשיר.

ער מוז זיין א ירא השם, א יודע ספר צו וויסען וואס איז א שאלה וועלכע מען דארף פרעגען דעם מכשיר, גוט באקאנט אין די אינדוסטרי, האבען א שטארקען כאראקטער, בעל אחריות, און בעיקר — אַן איש מהימן בכל מעשיו.

ער מוז זיין נכנע אונטער די אָנווייזונגען פון רב המכשיר, נישט צו טאָן אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו.

דער משגיח מוז זיין אחראי מודיע צו זיין דעם בעל המכשיר ווען ער גייט אויף וואַקאַציע, כדי צו קענען שטעלן א שטעלפאַרטרעטער וועלכער זאל זיין ראוי צו דעם פאַך.

בס"ד

## צייטשריפט פאַר יהדות און מדות טובות

פאַרהאַנען, וועלכע האַלטן עס פאַר גרינג אַריינצוגיין אין אַ טריפה'נעם רעסטאָראַן, און טרינקען דאָרט קאַווע, זעלבסטפאַרשטענדליך אָן מילך, בלויז דאָס איינגעקאָכטע וואַסער, מיט'ן אויס רייד, אַז עס איז גאָרנישט אַריינגעמישט וואָס זאָל מאַכן צווייפלהאַפטיג דאָס כשרות דערפון.

וואָלט איך געוואָלט איבערגעבן דאָס פאָלגענדע.

אין דעם פלאַץ וואו איך אַרבעט, איז פאַרהאַנען אַ קאָך וואו עס איז אויך דאָ אַ סאַמאָוואַר, אַ וואַסערקאָכער פון וואָס די איינגעשטעלטע — אידישע און להבדיל גוי'אישע — קענען זיך נעמען שטענדיג קאַווע צו טרינקען.

איינמאָל האָט איינע פון די גוי'אישע איינגעשטעלטע מיר דערציילט, אַז זי וועט היינט האָבן אַ פיינעם וואַרעמען לאַנטש.

עס האָט מיך שטאַרק געוואונדערט „וויאַזוי קענסטו האַלטן דאָס עסן וואַרעם?" האָב איך איר געפרעגט.

האָט זי אַ צופרידענע מיר איבערגעגעבן איר ערפינדונג, און געזאָגט, „אַסאַך מאָל ווען איך ברענג אויף לאַנטש „פאָרק־טשאָפּ", שטעל איך עס אַריין אין סאַמאָוואַר, ווי די קאַווע קאָכט זיך, און אַזוי וואַרעמט זיך עס איבער".

אַזוי האָב איך זיך ווידעראַמאָל איבערצייגט, דאָס וויכטיגקייט פון זיין אָפּגעהיטן און נישט עסן ווי עס איז נישט פאַרלעסליך כשר. ווי מען ווייסט נישט מיט וואָס די טעפּ ווערן גערייניגט און אַנדערע זאַכן וואָס קענען עווענטועל פאָרקומען און טריפה מאַכן דאָס עסנוואַרג. אַז מען איז פאָרזיכטיג, קען מען זיין רואיג, אַז מען ווערט נישט נכשל אין מאכלות אסורות.

ש. לייגערין

דער אידישער קוואל פ' פקודי תשל"ד

Subscription Rates
(PAID IN ADVANCE)
**VAAD HAKASHRUS**

אבאָנעמענט פרייזען
(מוז איינגעצאָלט ווערן אין פאָראויס) :
**וועד הכשרות**

| | | |
|---|---|---|
| IN U.S.A. | | אין אַמעריקע |
| 1 Year | $ 6.00 | 1 יאָר |
| Air Mail 1 Year | $ 10.00 | לופט פאסט 1 יאָר |
| 2 Years | $ 11.00 | 2 יאָר |
| 3 Years | $ 16.00 | 3 יאָר |
| IN CANADA, EUROPE ETC. | | אין קאַנאַדע, אייראָפּע, א.ד.ג. |
| 1 Year | $ 8.00 | 1 יאָר |
| Air Mail 1 Year | $ 12.00 | לופט פאָסט 1 יאָר |
| 2 Years | $ 15.00 | 2 יאָר |
| 3 Years | $ 22.00 | 3 יאָר |

- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

Enclosed please find $ ....................
I would like to subscribe to the
VAAD HAKASHRUS
O 1 Year O 2 Years O 3 Years
O Air Mail

בייגעלייגט איז די סומע פון ...... $
☐ 1 יאָר ☐ 2 יאָר ☐ 3 יאָר
☐ 1 יאָר לופט פאָסט

Name ____________________ נאָמען

Address ____________________ אַדרעס

City ______________ State ______________ Zip ______________

New subscriber ☐ אלטער מעמבער
Old subscriber ☐ נייער מעמבער

**VAAD HAKASHRUS**

1474 44th St. Brooklyn, N.Y. 11219

מאחר שבזמן האחרון אירע כמה מכשולים בענין שעטנז ע״כ באנו לעורר שאין לסמוך בענין שעטנז על המוכר אפילו אם הוא שומר תורה ומצות כיון שהבגדים שמוכר תפורים אצל קאנטראקטאר שאינו נאמן אם לא שנבדקו אחר העשיה ממומחה ומבין ונאמן.

| | | |
|---|---|---|
| יוסף גרינוואלד<br>אב״ד דק״ק קהלת יעקב | ישכר דוב ראטטענבערג<br>אב״ד דק״ק וואדיסלאוו | לוי יצחק גרינוואלד<br>אב״ד דק״ק ערוגת הבושם |
| מנחם זאב שיק<br>אב״ד דק״ק טאלאי יצ״ו | נפתלי הירצקא העניג<br>אבדק״ק שארמאש יצ״ו | רפאל בלום<br>אב״ד דק״ק קאשוי |

איבערזעצונג: אזוי ווי לעצטענס האבען פאסירט מכשולים ביי שעטנז. ווילען מיר מזהיר אז מען זאל זיך

# נישט פארלאזען אויף דעם מוכר אפילו ער איז א שומר תו״מ,

וויל די בגדים ווערען גענעהט ביי קאנטראקטארס וועלכע זיינען נישט באגלויבט. נאר אז מען לאזט עס אינטערזוכען פון א מומחה.

די פאלגענדע סטארס לאזען אונטערזוכען אייער בגד פון דער שעטנז לאבאראטארי אויב איר פארלאנגט עס. און אויב מען געפינט ליגען, ווערט עס אומגעביט אומזיסט, און וועלכען שאדען פאר דעם בגד

קוקט פאר דעם גלעכענעם סיעל ___ לייבל אליין איז נים פארלעסליך

**NEW YORK**

Irving Baron Clothes
333 Grand St., New York

**Blitmore Cloth, Mfg.**
149 – 5th Ave., N. Y.

–BARNEY CLOTHES
151 –7th Ave.

BOND CLOTHES
*Addresses in Telephone Book*

GINSBURG CLOTHES
162 - 5th Ave. (cor. 21st St.) 7th Floor.

Bayers Factory Outlet
149 - 5th Ave. New York

• –CHATHAM CLOTHES
57 East Broadway, N. Y.

• Clothes for All
125 Lafayette St., N.Y.C.

Gilcrest Clothes
141–5th Ave., N.Y.C.

Howard Clothes
*Addresses in Telephone Book*

Hasid Clothes
171 Canal Street, N.Y.C.

JOSEPH M. KLEIN
118 Stanton St., N.Y.C.

Louis Levy Clothes
8 Elizabeth St., New York

• L.B.C. Clothing
90 Rivington St., N. Y. C.

Lebowitz & Noble's Sons
83 Stanton St., N. Y. C.

LESH Clothing Mfg.
100 - 5th Ave.

—Newman Bros.
84 Stanton Street

PARK KENNY Clothes Co.
141 - 5th Ave, 2nd Floor

RIPLEY CLOTHES
*Addresses in Telephone Book*

—Harry Rotkman
111 - 5th Avenue

THREE B CLOTHES
80 Delancey St., New York

Louis Zuflacht & Sons
134 Stanton Street

*Garments can be tested at*
**Any Department Store**
*if you phone us before buying*

**BROOKLYN**

Abraham & Straus
420 Fulton Street

• –Crown Clothiers bet. Aves.
1434 Co. Island Ave. J & K

• ENGLENDER Clothes
1218 Avenue J, Brooklyn

Park Avenue Fashion
4203 - 13th Avenue, B'klyn

Yacob Jacobowitz
74 Lee Ave., Chasidic Taylor

• JJJ Clothing
313A Kingston Ave B'klyn

• —Frankfurter
314 Roebling St., **Brooklyn**

• G & I CLOTHING
1368 Coney Island Ave.

THE MALE SHOP
1974 Ralph Ave B'klyn

• MARCY CLOTHING
210 Broadway, Brooklyn
4409 - 13th Ave. B'klyn

May's Dept. Stores
510 Fulton St. Brooklyn

• REINHOLD CLOTHES
4421 14th Ave.

RICHFIELD CLOTHES
Kings Plaza, Brooklyn

—• Chas. Roth Clothing Co.
234 Keap St. Brooklyn

• SINGER'S Quality Clothes
157 Hooper St. Brooklyn

TALL MENS STORE
913 KINGS HWY. B'KLYN, N.Y.

TUXEDOS TO HIRE
*Ask for Information.*

**LONG ISLAND**
**LADIES COATS & SPORTSWEAR**
Burlington Coat Factory
and Warehouse
• 1187 Sunrise H'wy., Copague

